גילטיג דאטום: פעברואר 16, 2026

WMCHealth
Westchester Medical Center Health Network

# CFR 42 חלק 2 הוספה צו וועסטשעסטער מעדיקעל צענטער העלט נעטווארק'ס מעלדונג פון פריוואטקייט איינפירונגען

די הוספה צו די NPP דעקט סובסטאנץ באנוץ דיסארדער באהאנדלונג רעקארדס און אנדערע אינפארמאציע וואס וואלט אידענטיפיצירט א פאציענט אלס האבנדיג אדער האבנדיג אמאל געהאט א סובסטאנץ באנוץ דיסארדער (צוזאמען, "חלק 2 רעקארדס"). חלק 2 רעקארדס זענען באשיצט דורך די פעדעראלע געהיימקייט פון סובסטאנץ באנוץ דיסארדער פאציענט רעקארדס (Substance Use Disorder Patient Records) געזעץ און רעגולאציעס (צוזאמען, "חלק 2") אין צוגאב צו HIPPA און סטעיט געזעץ.

די CFR 42 חלק 2 הוספה ("הוספה") איז אן הוספה צו די וועסטשעסטער מעדיקעל צענטער העלט נעטווארק (Westchester Medical Center Health Network, "WMCHealth") HIPPA מעלדונג פון פריוואטקייט איינפירונגען ("מעלדונג") און איז נוגע פאר WMCHealth's "SUD פראגראמען." דאס זענען איינריכטונגען, איינהייטן, אפטיילונגען און שטאב ביי WMCHealth וועלכע ספעציאליזירן זיך אין צושטעלן דיאגנאוזעס און באהאנדלונג פאר סובסטאנץ באנוץ דיסארדערס. אין די הוספה, ווען מיר זאגן "מיר," "אונז," "אונזער" אדער "פראגראמען," מיינען מיר די SUD פראגראמען ביי WMCHealth.

די הוספה שילדערט:

- וויאזוי אייערע חלק 2 רעקארדס קענען ווערן גענוצט און מיטגעטיילט
- אייערע רעכטן אנבאלאנגט אייערע חלק 2 רעקארדס
- וויאזוי ארייינצוגעבן א באקלאגעניש אנבאלאנגט א פארלעצונג פון די פריוואטקייט אדער זיכערהייט פון אייערע חלק 2 רעקארדס אדער פון אייערע רעכטן אנבאלאנגט אייערע חלק 2 רעקארדס

די הוספה איז נאר נוגע פאר אייערע חלק 2 רעקארדס. עס איז נישט נוגע פאר געזונטהייט אינפארמאציע פארבינדענע סערוויסעס וואס איר באקומט אינדרויסן פון די SUD פראגראמען. צום ביישפיל, רעקארדס פון אן אפוינטמענט מיט אייער פריימערי קעיר פראוויידער ביי WMCHealth, ארייינגערעכנט אויב זיי סקרינען אייך פאר א סובסטאנץ באנוץ דיסארדער, זענען נישט געדעקט דורך חלק 2.

איר האט א רעכט צו א קאפיע פון די הוספה, אויף א פאפירענע אדער עלעקטראנישע פארמאט, און צו עס אדורכרעדן מיט אונזער פריוואטקייט אפיציר ווענס קאנטאקט אינפארמאציע איז אויסגערעכנט ביים ענדע פון די הוספה אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס.

**וויאזוי ווען מיר נוצן און ארויסגעבן אינפארמאציע איבער אייך?**

אין אלגעמיין, מוזן מיר פון אייך באקומען געשריבענע ערלויבעניש צו נוצן אדער ארויסגעבן אייערע חלק 2 רעקארדס. פונדעסטוועגן, קענען מיר נוצן און ארויסגעבן אייערע חלק 2 רעקארדס אן אייער געשריבענע צושטימונג אין באגרעניצטע אומשטענדן ווי געשילדערט פון אונטן.

- **מעדיצינישע עמערדשענסי.** אייערע חלק 2 רעקארדס קענען ווערן גענוצט און ארויסגעגעבן אין א מעדיצינישע עמערדשענסי וואו מען קען נישט באקומען אייער צושטימונג. מיר קענען אויך ארויסגעבן אייערע חלק 2 רעקארדס פאר א מעדיצינישע באאמטע פון די עסנווארג און דראג אדמיניסטראציע ( Food and Drug Administration, FDA) וואס געבט אן (1) א סיבה צו גלייבן אז אייער געזונט קען מעגליך זיין אין געפאר צוליב א טעות מיט די מעניופעקטשער, לעיבעלינג, אדער פארקויפונג פון א פראדוקט אונטער די יוריסדיקציע פון די FDA; און (2) אז אייערע חלק 2 רעקארדס וועלן בלויז גענוצט ווערן פאר די צוועק פון מודיע זיין פאר אייך און אייער דאקטוירים איבער פאטענציאלע געפארן.

- **פארשונג.** אונטער געוויסע אומשטענדן, קענען מיר נוצן און ארויסגעבן אייערע חלק 2 רעקארדס פאר פארשונג צוועקן אויף אזוי וויט ווי עס איז ערלויבט דורך HIPPA, FDA און HHS רעגולאציעס פארבינדן צו פארשונג אויף מענטשן וואו מען האט באקומען א וועיווער פון צושטימונג.

- **געריכטליכע באפעל מיט אומפריוויליגע פראצעדור.** מיר קענען ארויסגעבן אייערע חלק 2 רעקארדס, אדער עדות וואס געבט איבער די אינהאלט פון אזעלכע רעקארדס, וואו פארלאנגט דורך א ספעציפישע געריכט באפעל נאך וואס איר (די פאציענט) און /אדער די נוגע'דיגע SUD פראגראם (דער וואס האלט די רעקארד) ווערט געמאלדן פון פאראויס און באקומט א געלעגנהייט זיך צו לאזן הערן, אויב פארלאנג דורך חלק 2. די געריכט באפעל מוז אויך קומען מיט א סובפינע אדער אנדערע ענליכע לעגאלע מאנדאט וואס פאדערט ארויסצוגעבן די אינפארמאציע איידער די חלק 2 רעקארד ווערט גענוצט אדער ארויסגעגעבן.

- **אודיט און אפשאצונג אקטיוויטעטן.** מיר קענען ארויסגעבן אייערע חלק 2 רעקארדס פאר קוואליפיצירטע באאמטע פאר אודיט אדער פראגראם אפשאצונג צוועקן וועלכע (1) געבן געשריבענע צושטימונג צו באשיצן די אינפארמאציע ווי פארלאנגט אונטער אונזערע פאליסיס, (2) רעפרעזענטירן פעדעראלע, סטעיט אדער לאקאלע רעגירונג אגענטורן וועלכע זענען אטאריזירט לויט'ן געזעץ צו שטיין העכער די SUD פראגראמען, אדער (3) צושטעלן פינאנציעלע הילף פאר די SUD פראגראמען אדער צושטעלן באצאלונג פאר העלט קעיר.

- **באהאנדלונג.** מיר קענען מיטטיילן אייערע חלק 2 רעקארדס מיט אונזערע איינגעשטעלטע און מיט איינגעשטעלטע ביי WMCHealth וועלכע דארפן די רעקארדס אין פארבינדונג מיט זייערע פליכטן וואס זיי האבן צו צושטעלן דיאגנאזן, באהאנדלונג אדער רעפערעל פאר באהאנדלונג פון פאציענטן מיט סובסטאנץ באנוץ דיסארדערס.

- **QSOס.** מיר קענען ארויסגעבן אייערע חלק 2 רעקארדס פאר קוואליפיצירטע סערוויס ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו סערוויסעס פאר אונז אדער פאר אייער טובה (ענליך צו מאסנאמען אין די מעלדונג אנבאלאנגט ביזנעס אסאוסיעטס).

- **געזעץ ענפארסירונג.** מיר קענען ארויסגעבן אייערע חלק 2 רעקארדס פאר געזעץ ענפארסירונג צו באריכטן א פארברעך וואס איר באגייט, אדער סטראשעט צו באגיין, אין אונזער פאסיליטעט אדער אנטקעגן אונזערע ארבעטער.

- **באריכטן אביוז.** מיר קענען ארויסגעבן אייערע חלק 2 רעקארדס פאר די פאסיגע סטעיט אדער לאקאלע אויטאריטעטן צו באריכטן א חשד פון טשיילד אביוז און פארנאכלעסיגונג ווי פארלאנגט דורכ'ן געזעץ.

- **פובליק געזונטהייט.** מיר קענען ארויסגעבן אייערע חלק 2 רעקארדס פאר פובליק געזונטהייט אויטאריטעטן פאר פובליק געזונטהייט צוועקן. פונדעסטוועגן, וועט מען ארויסנעמען איינצלהייטן וואס קענען אייך אידענטיפיצירן פון די אינהאלט פון אייערע חלק 2 רעקארדס אין איינקלאנג מיט HIPPA.

**ווען דארף מען האבן אייער געשריבענע צושטימונג?**
אייערע חלק 2 רעקארדס וועלן בלויז ווערן גענוצט און ארויסגעגעבן פאר צוועקן וואס ווערן נישט געשילדערט אין דעם הוספה נאכ'ן ערהאלטן אייער געשריבענע צושטימונג. ביישפילן וואו מען דארף האבן אייער געשריבענע צושטימונג נעמט אריין די פאלגנדע:

- **באהאנדלונג, באצאלונג און העלט קעיר אפעראציעס ("TPO").** מיט אייער געשריבענע צושטימונג, קענען מיר נוצן און ארויסגעבן אייערע חלק 2 רעקארדס פאר באהאנדלונג, באצאלונג, אדער העלט קעיר אפעראציעס צוועקן ווי געשילדערט אין דעם מעלדונג. איר קענט געבן איין איינצעלנע צושטימונג פאר אלע צוקונפטיגע TPO באנוצן אדער ארויסגעבונגען. אויב אייערע חלק 2 רעקארדס ווערן מיטגעטיילט אונטער א צושטימונג פאר די צוועק מיט אן אנדערע חלק 2 פראגראם אדער א HIPPA רעגולירטע ענטיטי (אריינגערעכנט די חלקים פון WMCHealth וועלכע זענען נישט קיין SUD פראגראמען), קענען אייערע רעקארדס ווייטער ווערן ארויסגעגעבן דורך דער וואס ענטהאלט עס אויף אזוי ווייט ווי עס ווערט ערלויבט

דורך HIPPA, אדער אויב די חלק 2 פראגראם איז נישט אויסגעשטעלט צו HIPPA, אויף אזוי ווייט ווי איר געבט רשות.

- **פראצעסן קעגן אייך.** אויסער ווען עס ווערט פארלאנגט דורך א געריכטליכע באפעל, מוז סיי וועלכע ארויסגעבונג פון אייערע חלק 2 רעקארדס, אדער עדות'שאפט וואס געבט איבער די אינהאלט פון אזעלכע רעקארדס, אין סיי וועלכע ציווילע, אדמיניסטראטיווע, קרימינאלע אדער לעגיסלאטיווע פראצעס קעגן אייך האבן אייער געשריבענע צושטימונג. אייער צושטימונג פאר די צוועקן מוז זיין באזונדער פון אייער צושטימונג פאר סיי וועלכע אנדערע באנוץ אדער ארויסגעבונג.

- **פרעסקריפשען דראג מאניטארינג פראגראמען.** מיר קענען באריכטן סיי וועלכע מעדיצין פארשריבן אדער געגעבן דורך די פראגראם צו די פאסיגע סטעיט פרעסקריפשן דראג מאניטארינג פראגראם (prescription drug monitoring program, PDMP) אויב ווערט עס פארלאנגט דורך סטעיט געזעץ.

- **אויפטרייבן געלט.** מיר קענען נוצן אדער ארויסגעבן אייערע חלק 2 רעקארדס פאר אונזערע צוועקן פון אויפטרייבן געלט. מיר וועלן דאס נאר טוהן נאך וואס איר באקומט פריער א קלארע און קענטיגע געלעגנהייט צו באשליסן נישט צו באקומען קיין מעסעדשעס פארבינדן צו די צוועק פון אויפטרייבן געלט.

- **SUD קאונסעלינג נאטיצן.** אויסער אין באגרעניצטע אומשטענדן, קענען מיר נאר נוצן אדער ארויסגעבן אייערע סובסטאנץ באנוץ קאונסעלינג נאטיצן מיט אייער געשריבענע צושטימונג. דער צושטימונג מוז זיין באזונדער פון אייער צושטימונג פאר סיי וועלכע אנדערע באנוץ אדער ארויסגעבונג.

**צוריקציען אייער צושטימונג**

איר קענט צוריקציען אייער צושטימונג אין סיי וועלכע צייט דורך אריינגעבן א געשריבענע בקשה צו די אפטיילונג פון געזונטהייט אינפארמאציע מענעדשמענט (Department of Health Information Management) וועמנס קאנטאקט אינפארמאציע געפונט זיך אויף די פארקערטע זייט פון דעם מעלדונג. אויב ציעט איר צוריק פון אייער צושטימונג, וועלן מיר אפשטעלן סיי וועלכע מיטטיילונג פון אייערע חלק 2 רעקארדס אבער וועלן נישט קענען אפשטעלן סיי וועלכע אינפארמאציע וואס איז שוין געווארן ארויסגעגעבן.

**נאך רעכטן אנבאלאנגט אייערע חלק 2 רעקארדס**

אין צוגאב צו די רעכטן געשילדערט אין דעם מעלדונג, האט איר די פאלגנדע רעכטן אנבאלאנגט די חלק 2 רעקארדס:

- **רעכט צו פאדערן באגרעניצונגען אויף באנוץ אדער ארויסגעבונג פון אייערע חלק 2 רעקארדס.** איר האט א רעכט צו פאדערן באגרעניצונגען אויף וויאזוי מיר נוצן אדער געבן ארויס אייערע חלק 2 רעקארדס פאר די צוועקן פון באהאנדלונג, באצאלונג און העלט קעיר אפעראציעס, אריינגערעכנט די וואס זענען געמאכט געווארן נאכ'ן ערהאלטן אייער געשריבענע צושטימונג. זעהט חלק באטיטלט "רעכט צו פאדערן באגרעניצונגען אויף וויאזוי WMCHealth וועט נוצן אדער ארויסגעבן אינפארמאציע איבער אייך" פון דעם מעדלונג איבער וואיזוי צו מאכן די בקשה און איבער ווען מיר ווערן פארלאנגט צו אויספאלגן אייער בקשה.

- **רעכט צו א ליסטע פון ארויסגעבונגען דורך א פארמיטלער.** אויב האט איר געגעבן אייער צושטימונג צו מיטטיילן אייערע חלק 2 רעקארדס דורך א געזונטהייט אינפארמאציע אויסטויש, פאראנטווארטליכע קעיר ארגעניזאציע, קעיר מענעדשמענט אינסטיטוציע, אדער אנדערע פארמיטלער, האט איר די רעכט צו א ליסטע פון ארויסגעבונגען דורך יענער פארמיטלער פאר די לעצטע 3 יאר.

- **רעכט צו אויסוועהלן נישט צו באקומען מעסעדשעס איבער אויפטרייבן געלט.** איר האט די רעכט צו באשליסן נישט צו באקומען מעסעדשעס איבער אויפטרייבן געלט. איר קענט נוצן דעם רעכט דורך זיך פארבינדן מיט WMCHealth'ס פאונדעישען אפיס אויף foundation@wmchealth.org אדער דורכ'ן טעלעפאן אויף 914-493-2575.

- **אייער רעכט צו א קאפיע פון דעם מעלדונג.** איר קענט סיי ווען בעטן פאר א קאפיע פון דעם הוספה. איר קענט בעטן פאר א פאפירענע קאפיע אדער עס געפונען אויף WMCHealth'ס וועבזייטל אויף https://www.wmchealth.org.

**אונזער פארפליכטונג צו אייך.**
מיר ווערן געפאדערט לויט'ן געזעץ צו אפהיטן די פריוואטקייט פון חלק 2 רעקארדס, צו צושטעלן מעלדונגען איבער אונזערע לעגאלע פליכטן און פריוואטקייט איינפירונגען אנבאלאנגט חלק 2 רעקארדס פאר אונזערע פאציענטן, און צו מעלדן פאר אפעקטירטע פאציענטן נאך אן ארויסרינונג פון אומפארזיכערטע רעקארדס.

**ענדערונגען צו דעם מעלדונג**
אינערהאלב לעגאלע פארלאנגען, קענען מיר פון צייט צו צייט טוישן די פריוואטקייט כללים אין דעם הוספה. דאס באדייט אז מיר קענען מעגליך טוישן וויאזוי מיר נוצן אדער טיילן מיט אייערע חלק 2 רעקארדס. ווי אויך, קענען מיר טוישן וואיזוי איר קענט צוקומען צו אייער אינפארמאציע. אויב מאכן מיר סיי וועלכע טוישונגען, וועלן מיר מאכן א נייע ווערסיע פון דעם הוספה און עס ארויסשטעלן.

**וויאזוי מיטצוטיילן אייערע זארגן אדער באקלאגענישן**
מיר ווילן הערן פון אייך אויב האט איר פראגעס איבער אייער פריוואטקייט אדער איבער וויאזוי די WMCHealth SUD פראגראמען נוצן אייערע חלק 2 רעקארדס. מיר וועלן נישט נקמה נעמען אין אייך פאר'ן ארייגעבן א באקלאגעניש, און מיר וועלן זיך נישט אנדערש באגיין מיט אייך פאר'ן זיך לאזן הערן. מיר נעמען ערנסט אן אייער פריוואטקייט זארגן.

פאר פראגעס, זארגן אדער באקלאגענישן, ביטע פארבינדט אייך מיט די WMCHealth פריוואטקייט אפיס דורך רופן 914-493-2600 אדער שרייבן א בריוו צו Westchester Medical Center, Executive Offices, Taylor Pavilion West, 100 Woods Road, Suite C-138 Valhalla, New York 10595.

**פאר מער אינפארמאציע אדער אריינצוגעבן א באקלאגעניש צו די אמעריקאנער אפטיילונג פון געזונטהייט און יומען סערוויסעס (U.S. Department of Health & Human Services), אפיס פאר ציווילע רעכטן (Office for Civil Rights).**

איר קענט אויסגעפונען מער איבער אייער פריוואטקייט רעכטן אויף: www.hhs.gov/hipaa/for-individuals/notice-privacy-practices/index.html.

איר קענט אריינגעבן א באקלאגעניש אויף www.hhs.gov/ocr

גילטיג דאטום: פעברואר 16, 2026

**אפטיילונג פון געזונטהייט אינפארמאציע מענעדשמענט (HIM) – קאנטאקט אינפארמאציע**

Westchester Medical Center אריינרעכענענדיג
Maria Fareri Children’s Hospital Behavioral Health Center MidHudson Regional Hospital
Health Information Management
Woods Road 100
Macy Pavilion
10595 .Valhalla, N.Y
914-493-7600

MidHudson Regional Hospital
Health Information Management
North Rd 241
12601 Poughkeepsie, NY
845-431-8152

Good Samaritan Hospital
Health Information Management
.Lafayette Ave 255
10901 Suffern, NY
845-368-5361

St. Anthony Community Hospital
Health Information Management
Maple Avenue 15
10990 Warwick, NY
845-987-5202

Bon Secours Community Hospital
Health Information Management
East Main St 160
12771 Port Jervis, NY
845-858-7086

HealthAlliance Hospital
Margaretville Hospital אריינרעכענענדיג און
Mountainside Residential Care Center
Health Information Management
Mary’s Ave 105
12401 .Kingston, N.Y
845-334-3150

WMCHealth
Westchester Medical Center Health Network